בחצרות

# סאטמאר

צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ב' | תולדות | כ"ד חשון | תשע"ב | פסחים: קי"ג.


# באריכט:

## בקודש פנימה

נעכטן אין די אווענט שעה'ן איז הרה"ג ר' מנחם ערנסטר שליט"א ראש ישיבת וויזניץ אין בני ברק געקומען אויף א באזוך צו גיסו מרן רבינו שליט"א בביתו נאוה קודש אויף צאנז קט. ווי עס איז אנטוויקעלט געווארן א שיינער שמועס בעניני הלימודים אין דער וויזניצ'ער ישיבה.

אויך האט דער ראש ישיבה שליט"א ערוועהנט פאר'ן רבי'ן שליט"א די געוואלדיגע מעלות פונ'די חתונה תקנות וואס ווערט אצינד נאכגעמאכט אין אלע קרייזן דאהי און אין ארה"ק סיי אין די צמצום ההוצאות החתונה און סיי וועגן די פונקטליכע זמני החתונה.

✦

שפעטער ביינאכט בעת דער רבי שליט"א האט אויפגענומען אנשי שלומינו בביתו נאוה קודש אויף אוהעל קט. איז כ"ק אדמו"ר מ'ראחמסטריווקא שליט"א פון בארא פארק געקומען אויף א באזוך צום רבי'ן שליט"א ווי עס איז אנטוויקעלט געווארן א שיינער שמועס בדברי תורה און וועגן די צדיקים לבית טשערנאביל און מקום מנו"כ אין די שטאט טשערנאביל.

דער ראחמסטריווקא'ר רבי שליט"א האט זיך געפונעם אין קרית יואל אין ליכט פונעם מגבית "טובים השניים" לטובת מוסדות ראחמסטריווקא פון דאהי און ארה"ק ווי דער רבי שליט"א איז אינאיינעם מיט זיין פלומעניק האדמו"ר מ'ראחמסטריווקא שליט"א פון ארה"ק ארומגעגאנגען צו נדיבים בעם פאר גרעסערע סכומים.

נאכ'ן לענגערע באזוך האט דער רבי שליט"א ארויסבאגלייט דעם ראחמסטריווקא'ר רבי שליט"א ביז צו די קאר, און פון דארט איז דער רבי שליטא אריין צום ווארט-תנאים פון המחותנים הרה"ג ר' יוסף צבי סופר שליט"א מו"ץ בק"ק קרית יואל – אבי הכלה און הר"ר שלום אליעזר ברוינער הי"ו פון בארא פארק וועלכע'ס איז פאהרגעקומען בביתו נאוה קודש ווי דער רבי שליט"א האט געליינט דעם תנאים.

שפעטער איז האדמו"ר מ'ראחמסטריווקא שליט"א פון ארה"ק געקומען צו מרן רבינו שליט"א אויף א באזוך ווי עס איז אנטוויקעלט געווארן א שיינער

שמועס בדברי תורה בפרשת השבוע און וועגן די צדיקים לבית טשערנאביל – ראחמסטריווקא זי"ע. נאכ'ן באזוך האט דער רבי שליט"א ארויסבאגלייט דעם ראחמסטריווקא'ר רבי שליט"א ביז צו די קאר.

דאן איז האדמו"ר מ'טאלנא אשדוד שליט"א וועלכער איז אצינד צוגאסט דאהי געקומען אויף א באזוך ביי מרן רבינו שליט"א ווי עס איז אנטוויקעלט געווארן א שיינער שמועס בדברי תורה און איבער הרה"ק מהרי"ד מ'בעלזא זי"ע ווען ס'איז הילולא עס איז אויסגעפאלן פארגאנגענעם שב"ק.

שפעטער אויפדערנאכט נאכ'ן געזעגענען אנשי שלומינו האט דער רבי שליט"א זיך משתתף געווען ביים שמחת השבע ברכות אין שטוב פון הרה"ג ר' זלמן לייב רובין שליט"א ר"מ בישיתיה"ק – סניף דברי יואל - וועלכער האט חתונה געמאכט א זוהן ני"ו בשטומ"צ מיט בת הרה"ג ר' מיכל דייטש שליט"א חדב"ן האדמו"ר מ'פאפא שליט"א, ביים אים שטוב, ווי עס איז אנטוויקעלט געווארן א שיינער שמועס בדברי תורה און נאך מיט די זיידע'ס האדמורי"ם מ'דינוב און פאפא שליט"א, בהל' שבע ברכות און וועגן די יוחס מצד החתן ומצד הכלה און נאך.

הייגט אינדערפרי האט דער רבי שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – סניף דברי יואל, בעפאר'ן דאווענען איז אין ביהמ"ד הגדול פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' יוסף צבי בנעטה הי"ו קרית יואל.

# תלמידי מוסדותינו הק' אין וויליאמסבורג אנגעשלאסן אין שותפות קאמפיין פון דעם נייעם ספר תורה

היינט מאנטאג האבן די מנהלים פון די תלמוד תורה אין וויליאמסבורג פראקלאמירט פאר די קינדער דעם שותפות קאמפיין וואס וועט אריינעמען די תלמידי המוסדות אין דעם הייליגן שותפות פון גאנץ סאטמאר די נייע ספר תורה וואס ווערט געשריבן לע"נ רביה"ק בעל ברך משה זי"ע און וועט אריינגעגעבן ווערן אין ביהמ"ד הגדול אין וויליאמסבורג דעם מוצש"ק פ' תולדות.

היות די אלע ילדי התלמוד תורה זענען אלע תלמידים פון דעם הייליגן רבי'ן בעל ברך משה זי"ע, דעריבער האט מען אצינד געגעבן די געלעגענהייט פאר די קינדער זיך אנצושליסן אינאיינעם מיט דעם גאנצן עולם און זיך איינהאנדלען א שותפות אין די הייליגע ספר תורה וואס ווערט געשריבן לעילוי נשמתו, אזוי ארום וועט יעדער תלמיד פון אונזער תלמוד תורה קענען ווערן א עכטער "שותף" אין די הייליגע ספר תורה.

פאר די פרייז פון "2 דאלער" וועלן די קינדער קענען אפקויפן די זכות פון איין אות אין די ספר תורה, און פאר די פרייז פון "5 דאלער" וועט מען קענען אפקויפן די זכות פון א גאנצע ווארט אין די ספר תורה.

די אלע קינדער וואס וועלן אפקויפן א אות אדער א ווארט אין די ספר תורה וועלן אי"ה באקומען א "באשטעטיגונגס קארטל" פון דעם ועד הכנסת ספר תורה, וואו עס וועט פארצייכנט ווערן אויף אייביג אז דער קינד האט זיך איינגעקויפט א אייביגן שותפות

אין די הייליגע ספר תורה וואס איז געשריבן געווארן לע"נ רבינו הק' בעל ברך משה זי"ע.

אין אנדערע נייעס וועט אי"ה מארגן דינסטאג פ' תולדות פארקומען די כתיבת האותיות אין שטוב פון העסקן החשוב המסור בלב ונפש למען קהילתינו הק' ר' משה יודל שטרויס הי"ו אויף 764 קענט עוו. פון 7:00 ביז 11:00 ביינאכט, וואו די אלע וועלכע האבן נאך נישט אריינגעשריבן אן אות אין די ספר תורה וועלן נאך האבן א געלעגנהייט זיך משתתף צו זיין און אריינשרייבן אן אות אין די ספר תורה.

***-נגיל ונשיש בזאת התורה כי היא לנו עוז ואורה-***

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.